מכשיר געניצט בײַ מעטאַל-באַאַרבעטונג.

**גלאָטיס** דער, =ן. |סטוטש 240|. שטימאָרגאַן, באַשטייט פֿון די צוויי שטימבענדער, וואָס געפֿינען זיך אין דער קעל.

99/2 גלא–גלט

גלאטיק - אדי/אדוו. דזוו גלאט אין אלע בב (טייל מאל מיט א ניואנס פון אפשוואכונג אין דער איינגנשאפט).

צו ב 1:

... " דאס טבעת קידושין מוז זיין איין גלאטיק
פינגערל. עס טאר ניט זיין דרינען אריינגיזעצט 624
איין שטיינדל". קיצור שלחן ערוך, סימן פט,ה.

1922. " די מאמע |...| בראט פולע אייטערס אויף גלאטיק
פארשניצטע העלצלעך". י.י. זינגער, 1, 169.

1926 " שנײדט אָפּ דאָס שטענגל פֿון דעמב אײן עק

630 אַזוי, אַז ס'זאָל זיך באַקומען אַ גלאַטיקער קווערשניט

|...|". יאַב I, קיעוו, ז' 80. אַקציאָן, 2, 80

**צו ב 3:**

1971 " |...| דער מענטש האָט נישט דעם פּעטערס גאָלדן

630/א זאַראַסטל |=בערדל|, נישט זײַנע געדיכטע גאָלדענע

וואָנסעס, נאָר אײן אָפּגעגאָלט גלאַטיק |...|".

ב. דעמבלין, פּאַר, XII /12.

פרוז 69

**צו ב 4:**

1922 " פּעסיע, |...| אַ הויכע, אַ דאַרע ווי אַ שטעקן,

602 די בלאָנדע האָר אָפּגעצויגן גלאַטיק". ל. מלאַך, 1, 10

אָפּפאַל, וואַרשע, ז' 10.

צו ב 7:

1840 ** " אפשר וואָלט איך |...| וויינינקער געווען ביי
מענטשן אין די מײַלער, ווען מײַן נאָמען זאָל זיך 609
נישט אַזוי גלאַטיק אַראָפּקאַלערן פון דער צונג".
~~פרץ, דער משוגענער בטלן, ציט אַלע ווערק II,~~
~~נ"י, 1947, ז' 19.~~ פרץ, 6, 19.

1928 " כ'האָב ליב, אַז אַ בריוו זאָל זײַן
געשריבן גלאַטיק, ער זאָל זיך לעזן ווי אשרי |...|". 608
~~אַפּאַ I, ווילנע, ז' 72.~~ אַפּאַטאָשו, 5, 72.

1962 " שבת בײַם פֿאַרהערן איז ער געזעסן, געהערט
ווי זײַן אייניקל זינגט אויס אַזוי שיין די גמרא, 613
זאָגט אַזוי גלאַטיק פֿאַרטשעפּעט זיך ניט". ש. מיללער,
~~יזב זוויהיל |...|, ת"א, ז' 145.~~ [illegible] 6, 145.

צו ב' 8:

1932 " עפעס איז ער אים נישט גלאטיק געווען, דער

דאזיקער |...|". ייִז, יאשע קאלב, ציט אויסג נ"י, 615

1956, ז' 160. י.י. צונגער, א 5, 160

צו ב 9:

1904 " ער איז געווען |...| א פּראָסטער ארבעטער ביי

א שניידער. א צייט |מיט| יארן האט געדויערט, ביז 612

|ער האט זיך אויסגעלערנט |...| אויפנייען א וועסט

מיט הויזן 'גלאטיק'". ג. ח. לעווונער, דער גליקליכער

שניידער, ווילנע, ז' 7. 7, 13

1934 " אזא סאָרט געשעעניש ווי אָנהייבן לערנען חומש

איז נישט דורך אזוי פשוט, גלאטיק". הרב ר' לוי 607/א

גליקמאן, |...|, זכרונות לבית דוד, קעשענעוו,

ז' 38. 38, 1

1972 " ווען ס'דוכט זיך, אַז מ'איז אַריַין אין אַ קלעם

607 |...|, טוט אַ ליַיכט אויף אַן איַינפֿאַל און אַלץ

נעמט גיין גלאַטיק ווי אַ מזמור". באַש, פּאַר, IV/7.

דאַלאַס, פּאַר 69

□ גלאַטיקע ריידעלעך - דזוו גלאַטע ריידעלעך.

1814 " |...| דיך מציל זיין פֿון אַ פֿרעמד ווייב,

604 פֿון איין אום באַקאַנטער מיט גלאַטיקי ריידליך".

מס, משלי, ב - 16.

לעפֿין - אויך סאַטאַנאָווער, 1,

גלאַטיק אָפּגיין/אָפּלויפֿן - דזוו גלאַט אָפּגיין/אָפּלויפֿן.

1916 " |...| און אַזוי וואַלט נאָך געוועזן אַלצדינג

598 גלאַטיק אָפּגעלאָפֿן, ווען שיינע-שרה זאָל נישט האָבן

געזאָגט נאָך אַן אַנדערן ליגן פֿון שלום-בית וועגן".

ד. י. זילבערבוש, שטערכאַלעך, ווין, ז' 7. 7, 1

1972 " יאָ, עס דאַרף אים ניט אָפּגיין גלאַטיק".

606 באַש, פּאַר, II/12. דאַלאַס, פּאַר 69, II/12

?נ?? ג ל אַ ט ס - דאס, בא. (עלט? שש) עסטרײַכיש געלט
(אין דעם זשארגאָן פון דער שווארצער בערזע אין
פּוילן נאָך דער I וועלט-מלחמה).

1924 " |...| מען באַדאַרף אַ ווערטערבוך כּדי צו
פאַרשטיין, אַז 'לאַקשן' מיינט מען דאָלאַרן, 'ירקות'
- דײַטשע מאַרקן, |...| 'גלאַטס' - עסטרײַכיש
אומגעשטעמפּלט, 'יושקים' - פּוילישע מאַרקן |...|".
ר. פּאהן, אויפגעטרייסלטע, אין זב יידישער כ״ח 91 א,
ליטעראַרישער קאַלענדאַר, |אַא|, ז' 50.

........................................................

רעד: ספק צי מע דאַרף געבן דאָס וואָרט, מיגלעך,
אַז מע האָט עס געניצט נאָר אין יענע עטלעכע יאָר
און נאָר אין איין אָרט, אָבער ניט באַקאַנט ווו.

........................................................

גלא- גלט 44.

ג ל אַ ט ע - די, מצ דז. "פֿלאַך זעמעלע מיט אַ גלאַטער
אייבערפֿלאַך" |קטור| .

ג ל אַ ט צ ו נ ג י ק – אַדי/אַדוו |סטוטש 374,363|.

(איר/פּעיאַ) וואָס רעדט גלאַט, געלויפיק.

% אָט דער גלאַטצונגיקער פאַרשוין האָט אים איינגערעדט

צו קויפן די פאַרלעגענע סחורה.

ג ל אַ ט ר אַ נ ד י ק - אַדי/אַדוו. וואָס איז מיט
גלאַטע ראַנדן, קאַנטן. % גלאַטראַנדיקע בלעטער
[איבז גאַלאַמב, ג. באַטש, געוויקסן II, [157, 2 687
וואַרשע, ז' 157|.

ג ל א ט ש ט י י ן - דער, =ער, פֿפֿ גלעטשטיין

|סטוטש 161, 527|. ספעציעלער שטיין וואס דינט

אפצוגלעטן אנגעשארפטע זאכן. % דער שלייפער

גלעט אפ דאס שערל אויפן גלאטשטיין. דער שוסטער

גלעט אפ זיין מעסער אויפן גלאטשטיין.

1928 " |...| ושו"ב א׳ השיב כי בגלאטשטיין אין שום

הוה אמינא שישחית את הסכין". הרב מ. ל. ווינקלער, שו"ת 649

|...|, חלק יורה דעה, שאלה ב, דף כא - 4.

גלאַטשער – דער, =ס. ווע גלאַטשערקע, =ס.

(שש) פּלאַפּלער, פּלוידערער.

1881 " איינע אַ שכנה, אַ פּיסקעוואַטע און אַ שטיקל

זאַגערין, מיטן נאָמען 'געלע די גלאַטשערקע' 690

האָט אָנגעפאַנגען צו האַלטן אַ רעדע |...|".

~~מ. זעליקאָוויטש |מ. א. שאַצקעס|~~, ~~דער יודישער~~ שאַצקעס, 1, 21

~~פּאַר פּסח, וואַרשע, ז' 21.~~

רעד: ניט זיכער אין אויסטייטש.

גלא-גלט [redacted].

ג ל אָ מ ב - דער, =עס. דזוו גלאמפּ.

ג ל אָ מ פּ - דער, =עס, פּפּ גלאָמבּ. 1. דער
אינעווייניקסטער האַרטער טייל פֿון געוויסע גרינסן
(למשל, קרויט) אָדער פֿרוכטן (עפּל א"אַ); קאַטשאַן,
סטויפּ. % צום באַרשט לייגט אַריין די בעל-הביתטע
די בלעטער פֿון אַ גאַנץ הייפּטל קרויט, אָבער דעם
גלאָמפּ וואַרפֿט זי אַוועק. דער גלאָמפּ פֿון דער באַר
איז האַרט און ניט געשמאַק צום עסן. LP: głąb

1961 " די עפּל וועלן זיך רוזק רייסן, און טערפּקע
וועלן ווערן די ציין פֿון די האַרטע גלאָמבעס". 691
ב. ווײַנשטיין, זשיאיק, ר"ה, ז' 72 - I. פּרו 9

1962 " זי האָט זיך אויסגעלערנט באַנוגענען זיך
מיט ווייניק: אַ רעטעך, אַ רויע קאַרטאָפל, אַ ציבעלע, 693
אפילו דער גלאָמפּ פֿון גרויט". באַש, פּאַר, פּרו 69

.30/XII

1969 " |...| נישט איין מאָל |...| אַרייַנגעכאַפּט א
שאַלעכץ פון א פּאַמעראַנץ, אַ גלאָמב פון אַן עפּל,
וואָס קינדער האָבן אים געוואָרפן". ה. בערגנער,
פּרק 9
~~זשי איק~~, פּסח, ז׳. . . ,

.2 (פּיג) אַן אומרירעוודיקער מענטש, אַ גולם, אַ תם.
% ער איז אַ טיפּש, א גלאָמפּ און פאַרשטייט גאָרניט.
מיט אַזאַ גלאָמפּ וועסטו גאָרניט אויפטאָן.

1893 " אזא גלאָמפּ, א קליינשטעטלדיקער פּלאָקן,
מע קען איר אָנהענגען אַ לונג-און-לעבער אויף דער :: 696
נאָז". ע. בלאַשטיין, דיא רעטאַנדע, ווילנע. א 4

113 גלא - גלש.

1908 " טא וואס זשע שטייסטו ווי א גלאמפ, ווי דו

696 וואלסט גאר ניט וויסן, וואס מען רעדט צו דיר?"

~~פה, יואל, אקט I,~~ ווארשע, ז' 13.

1951 " אליין א שטיק גלאמפ, מיט א שווערער, שלייִמיקער

697 צונג". זש, שקלאווער קינדער, נ"י, ז' 238.

ג ל אָ ז I – דער, =ען. פּיידע, שטיק (פֿון ברויט)

737 |מאַרק ווב 688|

גלאָן II – אינט, פּפּ גלאַן. (אנאָמ) דער קלאַנג פון א גלאַק.

1936 " איך בין א בעכער פול מיט וויין, // און גיס

646/א זיך אויס פאר יעדן שווין, // פאר יעדן גלאַן

און יעדן גלין". א. טאבאטשניק, איך שייד, . 58, 1

נ"י, ז' 58.

•••••••••••••••••••••••••••••••••••••••••••••••••••

רעד: אז אַך-און-ווײ צו דער ציטאטע: וואס פאר א

שייכות האט וויין מיט שוויין, און מיט גלאן?

גראָם-שטראָם! איך געדענק דאס ווארט 'גלאן'

פון א צוזינג צו אן אמאליקן רעוואלוציאנערן

ליד (אן איבערזעצונג פון דייטש, דאכט זיך):

"און דו אקערסט און דו זייסט און דו באמערסט

און דו נייסט"... איך דארט דא א צוזינג: "גלין

גלאן, גלין-גלאן". אבער כ'קאן זיך ניט דערמאנען ווי ס'גייט...

1972 " האבן זיך צעקלונגען די גלאָקן פון די קירכן און

739 קלויסטערס: בים-באָם, גלאַן-גלין". מ. צאנין, . 254, 3

ליבשאפט אין געוויטער, ת"א, ז' 254.

גלאָנגער - דער, =ס. (עלט) דער וואָס דערלאַנגט די מצות צום רעדלען אין אַ מצה-פּאָדראַד.

1972 "האָבן זיך קליינוואַרג פֿאַרהאַנדלט בײַ |...| די מצה-בעקערס, ווער פֿאַר אַ מצה-קערער, ווער פֿאַר אַ גיסער, ווער פֿאַר אַ גלאַנגער". מ. פּולאַווער, 208 ,1. כ/646

~~אררט, ת"א, ז' 208.~~

---

רעד: כ'האָב אַ חשד אַז ס'איז פֿאַרגרײַזט פֿון 'דערלאַנגער'... די קשיה איז אָבער, צי מ'האָט טאַקע גערעדט אַזוי אין פֿאָלק |ווו.?| צי דער שרײַבער אַליין, האָט עס פֿאָרגעשטעלט...

---

ג ל אַ נ ס ע – די, באַ. פּפּ גלאַנשיי. (עלט) אַמאָליקע טאָג ל.

1883 " געגומען זיך פֿאַר די הענט |מיט די מיידלעך|,

909 // געטאַנצט, געשפּרונגען //,געשפילט, געזונגען –//

קאַדרעל,גלאַנשיי, // געטאַנצט מיט זיך". ...

מ. א. אסטראַווסקי, א רייזע אין עולם הבא, 1, 20.

וואַרשע, ז' 20.

1900 " אויסער אַ פֿאַר טענץ איז געווען שוין מאָדנע

746 שבתדיקע טענץ, ווייל די טענץ פלעגן זיך די

מיידלעך לערנען |...| נאָר אום שבת |...| און

זייערע נעמען עפּעס גאָר ניט קיין יידישע, אַ

קאָנטערטאַנץ, א גלאַנסע (לאַנ-שע)". מאַבאַריק מ. פּ. 1.

|מ. כאַץ|, דער קאַראַבעלניקל, וואַרשע,

ציט יידשפּ XX – 2, ז' 54.

פּרק 90.

ג ל א נ ץ - דער, =ן. 1. אָפּשפּיגלונג פֿון ליכט אויף אַ גלאַטער, פּאָלירטער אייבערפֿלאַך. דער **גלאַנץ** פֿון גאָלד. דער פּאַרקעט איז אָפּגעפּוצט ביז **גלאַנץ**.

1900 " ער האָט געמוזט אָנטרעטן יענעם אויפֿן פּוס, כלומרשט ניט בכיוון, כדי אַראָפּצורייַבן דעם **גלאַנץ** 756
פֿון דעם שוּוואַקס". ב. גאָרין, די אַ מזיקים |...|, ~~נ"י, ... ז' 13.~~ (13, 4.)

1909 " די.קלײנע בוימלדיקע אייגעלעך האָבן באַקומען גאָר אַן אַנדער פּייערל מיט אַ נייעם **גלאַנץ** פֿון 754
פרייד |...|". שע, ~~אייזנבאַן-געשיכטעס~~ (שלום-עליכם, 39, ~~ד'~~ 86.)

1929 " דער לאַך פֿון קאַלאַש בלייבט שטאַרקער אין זיין זכרון, ווי דער **גלאַנץ** פֿונעם טייערסטן איידלשטיין". ~~בעמ, גש III, ווארשע, ז' 165.~~ (קידוש-מחשבות, 3, 165.)

1956 " דעם שפּיגל האָט חנינה אַנגעריבן ביז צו
792 גלאַנץ". פּמ, מלחמה I, נ"י, ז' 279.
מאַרקיש, ט, 279.

2. שיַין, ליכטיקייט.

... " באָדט איַיך אין פרימאָרגן-גלאַנץ! און טאַנצט
752 אַריַין דעם גרויסן טאַנץ און גרויסן טאָג!".
פּרץ, דראַמאַטישע שריפטן, ציט אַלע ווערק VI,
נ"י, 1947, ז' 268. פּרץ, ט, 268.

1907 " |...| צוויי טעג ניט קיין פּיַיערל באַגעגנט...
751 // פּלוצלונג... דורך דעם שוואַרצן שטורעמטאַנץ,
// אויפגעשימערט האָט פאַר זיי אַ גלאַנץ".
יהואש, "סאַקיאַ מוני", ליד 31.

... "|...| קוקן דורכן פענצטער צום בלויען הימל //
751/א און זעען נישט דעם גלאַנץ פון שטערן". מאַלאַדזשאָווסקי, 7,
איך לאַנד פון מיַין געבויין (ליד "צוויי בעטן").

3. (פיג) פראַכט, שיינקייט, חשיבות, הויכע מדרגה.

% דער באַל איז דורכגעגאַנגען מיטן פולן **גלאַנץ**.

די זינגערין האָט שוין ניט דעם אַמאָליקן **גלאַנץ**.

1870 " |...| אוודאי וואָלט געווען אַ יושר, אַז ער

768 זאָל עס טאָן מיט אייער |דעם רבינס| ידיעה, וואָלט

דאָס גאָר געהאַט אַן אַנדערן **גלאַנץ**". קמ, נ' 19,

ז' 138 - II. פּעז 177.

1908 " שטייט אויף, שטייט אויף, אַ נייער **גלאַנץ**//

768/ב באַקרוינט די אַלטע שטעט, // די שטומע חורבות ווערן

גאַנץ // און גאָט דער גוטער רעדט". ראָזענפֿעלד, 2, 109.

1951 " |...| די באַגרינטע און באַוואַלדיקטע בערג,

801 דער באַהנטער מיצקיעוויטש-טאָל - דאָס אַלץ האָט

צוגעגעבן קאָוונע פּראַכט און **גלאַנץ**". י. גלאַטשטיין, ... 106

[illegible], ז' 1155.

121

|| גלאַנצל - דאָס, =ער. (איר) פּקפּ פֿון גלאַנץ,

ב 1.

1936 " ער באַגעגנט דעם כמעט ביטול-שמייכל אויף

759 יענעמס ליפּן און דאָס גלאַנצל פֿון זיינע גרויע

אויגן". ש. האַראַנטשיק, שטאַרקע מענטשן, 3, 171.

~~ציט אנט, ז' 171.~~

גלאַנצעוואַטע - אַדי. אַ ביסל גלאַנציק, אַזוי ווי

גלאַנציק.

1970 " דעם נחשס קאָפּ - אַ מאַטע, // מאַט גלאַנצעוואַטע".

895 ~~צייט, לידער און פּאָעמעס !!, נ"י, ז' 124.~~

אהרן צייטלין, 7, 124.

גלאַנצקייט - די/דאָס. (עלט?) מצבֿ/אייגנשאַפֿט פֿון

גלאַנצן.

1863 " ער |רבי שמעון| איז געלעגן און זיין פנים

907 לייכט מיט גלאנצקייט". גופת צופים, I, זשיטאמיר,

ז' 310 - I.

O גלאנצבארשט - די, ~, בערשט, פקפ גלאנצבערשטל.

ספעציעלע בארשט צום ארויסרופן א גלאנץ נאכן אפפוצן

עפעס.

1966 " איך נעם ס'גלאנצבערשטל, פוץ מיר די שיך".

814 ~~נאד, אונטער דער זון, ת"א, ז' 58.~~ נאדיר, 13, 58.

816 גלאנצווערק - דאס/דער, מצ דז |מארק ווב 1267|. בנב.

גלאנצטעג - די, מצ. דזוו גלאנץ-עפאכע.

1944 " זיינע גלאנצטעג זיינען געווען שמחת-תורה".

818 ~~ייט, פוילן I, נ"י, ז' 29.~~ טרונק, 3, 29.

" ...| וועט דאָס אַלץ נישט פֿאַרטונקלען זיינע 1964

819 |זשאַבאָטינסקיס| גלאַנצטעג, וואָס בלייבן איינגעקריצט
אויף אייביק אויף די טאָוולען פֿון אונדזער רענעסאַנס-
גשיכטע". ז. שזר, ציון טמז, VII /2.
פֿונק 69

גלאַנצווערק - דער, =ען. |מאַרק ווב. 1167|. בנב.

גלאַנץ-עפּאָכע - די, =ס. צייט פֿון העכסטן אויפֿבלי, פֿון
גרעסטע דערגרייכונגען, הצלחה, פֿון העכסטן ניווא.
% די גלאַנץ-עפּאָכע פֿון ספֿרדישן ייִדנטום איז געווען
אין מיטל-עלטער.

" דאָס איז געווען אַ טרויעריקער אַפּשלוס פֿון אַ 1951
897 גלאַנץ-עפּאָכע, וואָס פֿאַלט צונויף מיטן פֿונאַנדערפֿאַל
פֿון דער ייִדישער אויטאָנאָמיע". מ. קאַסאָווער,
זב ליטע I, נ"י, ז' 1142.
פֿונק 106

<u>גלאַנצפּונקט</u> – דער, =ן. העכסטער פּונקט, העכסטע מדרגה, דאָס בעסטע.

1866 " דער נאַציאָנאַלער שטאָלץ פון איין זייט און די
באַרייטווילליקייט אומצוקומען מיט ווײַב און קינד 900
|...| זענען די צוויי <u>גלאַנצפּונקטן</u> אין ייִדישן
כאַראַקטער". ~~ארן, קמ~~, ג' 33, ז' 511.
פּרק 177,

<u>גלאַנץ-פּעריאָד</u> – דער, =ן. <u>דזוו</u> <u>גלאַנץ-עפּאָכע</u>.

1951 " די תקופה פון 1623 ביז 1655 איז געווען
דער <u>גלאַנץ-פּעריאָד</u> פון וועד ליטע". <u>ש. ווישניצער</u>, פּרק 106 910
~~זב ליטע I, נ"י,~~ ז' 188.

<u>גלאַנץ-תקופה</u> |טקופע| – די, =ות.

1951 " חוץ די ערשטע פּאָר יאָר פון דער עקסיסטענץ
פונעם גרינדונגס-סיים, וואָס זײַנען געווען אַ
<u>גלאַנץ-תקופה</u> פון ליטווישן ייִדנטום |...|".
~~מ. ס. זב ליטע I, נ"י,~~ ז' 273. פּרק 106, 273.

125

**אויגנגלאנץ** - **דער. בא.** די שיין וואָס שפּיגלט זיך אָפּ אין די אויגן.

1872 " זיין **אויגנגלאנץ** וועט קיין מאָל אָפּבלאַקירן פאַר מיינע בליקן". **אמד. ~~דער הריז לעהרער~~,** ~~ווילנע~~, ז'... (63 ,ז.ק.)

**אויסנווייניקסטער גלאנץ** - ווען דער אייגנשאַפט פון עמעצן/עפּעס, וואָס זעט אויס זייער שיין, אָבער איז אָן תוך, האָט ניט קיין גרויסן ווערט.

**אייזיקער גלאנץ** - קאַלטער, שאַרפער ~~(פון אייז, שניי אא)~~. גלאַנץ.

**אראפנעמען/אראפציען דעם גלאנץ** - 1. (שניידעריש)

מאכן אז דער שטאף זאל ניט זיין גלאנציק |סטוטש 526|.

2. "אראפנעמען פון עמעצן א חשד" |קטוור|.

........................................................................

רעד: (מסופק אין דעם אויסטייטש! יא געהערט א מאל
אזא פראזע אבער מיטן באטייט: דעמאסקירן עמעצן,
אראפציען אויף א נידעריקער מדרגה).

........................................................................

**אנווערן דעם גלאנץ** - פארלירן פון אמאליקער השיבות,
אנזען, נייקייט; אראפגיין אויף א נידעריקער מדרגה,
פארעלטערט ווערן.

**א ווייבעלע מיט א גלאנץ** - (שש) א פרוי א בריה,
אן אשת-חיל.

א סוחר מיט א גלאנץ - |סטוטש 485|. וועגן א

סוחר מיט פארנעם, איניציאטיוו.

רעד: ניט זיכער אין אויסטייטש.

----> 1.

1734 " אונ' מיך צו ערגעדין |?| דורך איר ליבה

וואנגין, דיא אלי ווערמליין גלאנץ אונד פורפר 760

פור בלייכטן |...|". מארשן, לשון זהב,

אמשטרדם, תצ"ד, ז' 16.

----> 2.

... " בעפעפי שחר - אזא דר גלנץ דיש מורגנש,

ל' מאורות". רייכלין 8, איוב מא, י. 779

1743 " אביר דער שטערן (צדק אונ' נוגה) וויא זיא

לייכטיג אונ' העל שיינן אונ' גלאנץ פון זיך געבן". 767

מ. מן, יוסיפון, 4, אמשטרדם, דף כה - II.

.3 <-----

1716 " |...| אונ' דש איז דיא פר בורגנה חכמה,

דיא דא איז דש ליכט דר הערצר אונ' דר גלאנץ

דר זילן". חח I, אמשטרדם, דף ד - II.

(תולדות הקהלות, 1,

4 בליץ.

... " ברק - גלנץ, ל' זהרורית". רייכלין 8,

דברים, לב - מא. 776

ג ל אַ נ צ א ײַ ז ן - דאָס, באַ. מין אײַזן-געשמעלץ

\|פֿורב, ~~באַרקאַרו,~~ ז׳ 72\|, געטײַטשט פֿון רוסישן 810

чугун серебристый

ג ל אַ נ צ ב ל ײַ - דאס, בא. דזוו בלײַגלאַנץ

|טערמינעס אין כעמיע, ווילקאמירער ייד' רעאל-

גימנאזיע, 1926|.

ג ל אַ נ צ ז י ל ב ע ר  –  דאָס, באַ. (בעמיע)

זילבער־סולפיד |טערמינעס אין בעמיע, ווילקאָמירער

ייד׳ רעאַל־גימנאַזיע, 1926 |.

גלאַנציק - אדי/אדוו. 1. וואָס האָט אַ גלאַנץ, ב 1. % גלאַנציקער מעטאַל. ער טראָגט גלאַנציקע לאַקירענע שיך. זי טראָגט אַ קלייד פֿון גלאַנציקן זייַד.

גלא - גלט 54.

1870 " |...| האָר אויפֿן קאָפּ ניט פֿיל, בכל-עת

842/א גלאַנציק (מיט וואָס די האָר ווערן געשמירט, ווייס

איך ניט)". קמ. ג' 5, ז' 38 - I.

פּעו 177,

1930 " פֿון הינטער זייַן פּליושן קיילעכדיק היטל

838 איבערן שטערן האָבן אַפּערגעקוקט אַ פּאָר שטילע

גלאַנציקע אויגן". ~~ווייס, געקליבענע ווערק VI,~~

~~ווארשע, ז'~~ 23. ווײַסנבערג, 9, ד VI, ז' 23.

B. 164

134

ג ל א נ צ י ר - דער, =ן. (גלש) אַ קעשענע פון אַ

דאמען-שאַקעט [י. טריוואַקס, גנבים-שפּראַך, [illegible] 33, 162].

זב ביי אונז יידן, ווארשע, ז' 162.

גלאַנצירן - אוטוו. פֿאַר (גע)גלאַנצירט.

1. (ס'רוב איראָניש) גלאַנצן, ב 1.

1876 " אַזוי ווי איין ראָזעבלאַט, וואָס גלאַנצירט |...| נאָך דורך דער הילף פֿון די ליכטיקע זון". א. ח. וויינער, דיא קלוגע מציאה, ווילנע, ז' 5. 849

1948 " דאָס פּנים האָט גלאַנצירט פֿון פּעטס און ווילטאָג". יידיש, קענטאַקי, נ"י, 125. 851

2. טרוו. (שש?) פּוצן, פּאָלירן עפּעס ביז צו א גלאַנץ.

% די דינסט גלאַנצירט די קופּערנע כלים.

ג ל אָ נ צ ל יַי ו נ ט – די/דער, =ן. |ל 2|.

(עלט) סאָרט גלאַנציקער וועבשטאָף. 853

רעד: ליפשיץ טייטשט: גלאנצליַיוונט, פּערעסינע=лощенка. ניט 'פּערעסינע', ניט 'לאַשטשענקאַ' זיינען

דאָ אין היינטיקע רוסישע ווערטערביכער.

ג ל אַ נ צ ל ע ד ע ר – די/דאָס, באַ. (גאַרבערײַ)

דזוו לאַקיר, אויסגעאַרבעטע לעדער, באַדעקט מיט לאַק.

% צום באַל טוט ער אָן שיך פֿון גלאַנצלעדער.

ג ל אַ נ צ ל ע ן – <u>אוטוו</u>. |<u>סטוטש</u> 289|. אָפּשײַנען
מיט אַ שוואַכן אָדער ניט־פּסדרדיקן גלאַנץ (<u>ב 1</u>).
% עס <u>גלאַנצלען</u> פֿון דער ווײַט די פֿאַרעס פֿון די
אויטאָמאָבילן.

60

ג ל אַ נ צ ן – אוטוו. 1. אָפּשפּיגלען די שײַן פֿון
אַ גלאַטער (געשליפֿענער, פּאַלירטער) אײבערפֿלאַך;
בליאַסקען, בלישטשען. % די זילבערנע כלים גלאַנצן.
דער גלאַטער פּאַרקעט פֿון סאַלאָן גלאַנצט.

1864 " |...| און זייערע שטיוול זאלן גלאַנצן

וויי די שפּיגעלעך". ממוס, דאס קליינע מענטשעלע, 866/א

ציט קאנק 99.

1910 " ווי צוויי שיינע בלומענשטאָקן // גלאַנצן

אירע עץ-החיימס// און די שכינה רוט אויף זיי". 866

ש. פרוג, אַלע שריפטן !, ג"י, ד' 240.

1921 " אַ קויל האָט צעשמעטערט דעם שפּיגל אין גאַנצן,

// די גלעזערנע שערבלעך צעשפּרינגען און גלאַנצן 865

|...|". סעג, קאפרידן, ווארשע, 186.

1968 " די שוואַרצע האָר גלאַנצן ביי איר נאָך שטאַרקער

ווי זיי וואָלטן געווען אויסגעווייקט אין אייל".

ב. טייטלבוים, יזב אסטרואצק, ת"א, ז' 656.

2. שיינען, לייכטן.

1897 " און ווערנד |=בשעת| אַלע פעלקער זענען נאָך 
אומגעגאַנגען אין דער פינצטער, האָבן שוין ביי 
אונדז אין די ווייגונגען בעגלאַנצט ליכטלעך פון 
באַרימטע יידישע גייסטער". י. טשערני, 1 
קול יעקב, באַרדיטשעוו.

1954 " עס האָבן געגלאַנצט אין הימל די שטערן". 
י. ראָלניק, 3, געקליבענע לידער, ליד "פאַרליבט".

3. (פיג) אויסצייכענען/אויסטיילן זיך שטאַרק מיט 
עפּעס, זיך אָנזען, זיין פּראָמינענט. % זיין נאָמען 
גלאַנצט אין דער פּראָפּעסיע.

1869 " פון דיזער |אַט דער| לאַנד איז אַרויס דער 
רמב"ם |...| און נאָך פיל גרויסע לייט וואָס זייערע 
נעמען וועלן גלאַנצן ביז די זון וועט שיינען". 
אמד, מלכה אונד הדסה, ווילנע, ז' 9. 
ד"ק, 43, 9.

879

879/א

1911 " ער |מענדעלע מוכר-ספרים| איז גרויס נישט
נאָר מיטן פֿריערדיקן זכות, זיין כּבוד גלאַנצט 869
נישט נאָר מיט אן אָפּשיין פֿון אַמאָל".
י. ח. רבֿניצקי, שלום-יעקבֿ אבראַמאָוויטש, אין מענדעלע, 2, 7,
אין ב' I פֿון אַלע ווערק פֿון מענדעלע מוכר-ספרים,
ווארשע, ז' 2.

4. טרוו. ארויסבאַקומען אַ גלאַנץ, מאַכן גלאַנציק.
% ס'איז ארויס אַ נייַ מיטל צו גלאַנצן פּאָדלאָגעס.
נאָכן אייַנרייַבן מיט שוווּאַקס גלאַנצט ער די שיך מיט
אַ גלאַנצבערשטל.

|| גלאַנצנדיק - אַדי/אַדוו. 1. וואָס גלאַנצט.
1888 " |...| גיט דער פֿאַרשוין |...| אַ פֿרעגנדיקן
ענטפֿער |...|, שנייַצנדיק דערבייַ גאַנץ ברייטלעך 892/א
די גלאַנצנדיקע נאָז". ממוס, דאָס ווינטשפֿינגערל,
ציט אויסג ווארשע, 1913, ז' 128. מענדעלע, 3, 128

143

1916 " אפילו די אויסגעפּוצטע פּאַסאַזשירן פון די

הענערע קלאַסן מיט די הויכע גלאַנצנדיקע צילינדערס 892/ב

אויף די קעפּ האָבן זיך ניט געקאָנט איינהאַלטן |...|".

שע, מאַטל !!, ציט אויסג נ"י, 1937, ז' 17.

גלות-ווילנע, דף 17.

2. (פיג) אויסגעצייכנט, אָנזעעוודיק, פּראָמינענט.

[182...] "|...| איז דא עפּיס ציך א שידוך לע"ע |=לעת-עתה|

1004 נאר נישט זייער גלאַנצנדיג גיוועזן". ח. מאַלאַגאַ, 1, 228.

גדולת יוסף, ציט יידישע כתבים, ווילנע, 1937,

ז' 228.

גלאַנצעניש – דאָס, =ן. (איר) דאָס גלאַנצן, בב.3

1950 49 " ווײַל פּרץ זאָל זיך טייל מאָל נישט |...|

לאָזן פֿאַרכאַפּן פֿון די דאָזיקע פֿרומע אימפּאָטענטע 896

גלאַנצענישן". ייִט, פּוילן V, נ"י, ז' 82.

ערונק, ז, 82.

גלאַנצער – דער, ס. (שנש) דער/דאָס וואָס גלאַנצט,

אלע בב. " שטערן – פּוסטע גלאַנצער". צייט, 898

1970

לידער און פּאָעמעס II, נ"י, ז' 393.

אהרן צייטלין, ז, 393.

פּפּ: גלאַנצן ווי א שפּיגל; (שלש) ווי ביי הושען:

דער פּאַרק, ווי א פּעטער חזיר; (ווולג) ווי ביי

אוטאַן/טרוו .

ג ל אַ נ צ ן  -  ~~טרוו.~~ דזוו גלאַצן.

" וואַס גלאַנצסטו אויף מיר די אויגן, ווי אַ 1886

קאַטער?", - כאַפּט מיך אָן דער טאַטע". שע, 871

~~דאס מעסערל, ציט מעשיות פאַר יידישע קינדער I,~~

~~נ"י, 1944, ז' 20.~~ שלום-עליכם, 2 א', דאָס מעסערל, 20.

רעד: טאַקע דאָ אויך באַ סטוטש 305, אָבער דאַך מיין איך, ס'איז אַ טעות, פון בחור הזעצער, וואָס האָט אַריינגעשטעלט אַן איבעריקן נון, ~~אפשר האָט אַס סטוטש טאַקע גענומען פון דעם דאזיקן טעקסט.~~

146

גלא-גלט [redacted].

גלאַנצפּאַפּיר - דאָס, בא. סאָרט פּאַפּיר
וואָס איז גלאַנציק אויף איין זייט, ס׳רוב אויך
קאָלירט. % די קינדער שנײַדן אויס מענטשעלעך פֿון
גלאַנצפּאַפּיר.

גלאַנצפֿאַזאַן - דער, =ען. (זאאל) פֿויגל

(ורסנ Lophophorus impeganus) פֿון דער פֿאַזאַן-

משפּחה, זיינע פֿעדערן פֿילקאָליריקע (פֿייער רויט,

גרין, פּורפּל און גאָלד) מיט אַ מעטאַלענעם גלאַנץ;

לעבט אין טיבעט און אויף די הימאַלאַיען-בערג;

ווערט געשיצט צוליב די פֿעדערן, וואָס ווערן געניצט

צו באַפּוצן היט און אַנדערע קליידער.

ג ל אַ נ צ פּ ו ל – אדי/אדוו. פּראָמינענט, פּראַכטפול.

1866 " אין אים |אין דעם טאָג| איז פאַר יאָר אונדזער

גלאַנצפולער קיסר |...| באַשטיגן דעם טראָן". 902

פּלר 177, [illegible] נ' 8, ז' 114.

1955 " |...| דער ספר הזכרונות פון זייער אַלטן

גלאַנצפולן מיוחסדיקן אָפּשטאַמבוים בריסק דליטא". 904

י. שאצקי, ~~ענציקלאָפּעדיע פון די גלות-לענדער~~, פּלר 138, I,

בריסק דליטא, ~~ירושלים – ת"אַ, ז' I~~.

149

ג ל אַ נ צ ק ו פּ ע ר - דאָס/דער, בא. (כעמיע)

דזוו בלענדצינק טערמינעס אין כעמיע, ווילקאמירער

ייד׳ רעאַל-גימנאַזיע, 1926.

905

150

גלא- גלט.

?נ? ג ל א נ ק - אוטוו. פּץ פון געליגגען( געראָטן,

מצליח זײַן).

[ע.א.ה"ר] "משכיל - אימא גלנק וול". רייכלין 8,

MHD: geline תהילים לבא. 908

---

רעד: תי גיט גאר אן אנדער טייטש: לדוד משׂכּיל -

"פון דודן א באטראכטונג".

---

ג ל א נ ש ײ – <---- גלאנסע.

1151/1 גל -

(?נ?) גלאט - דער, בא, ווילער ל. (פר, נא) אייזקרעם
|בערעזניאק|.

80

?נ? ג ל אָ ס I – דער, =ן. (פּויל, נאָ). 1. קול, שטים.
< p: głos

2. קלאַנג, שמועה, נײַעס.

1923 " כ'בין אויסגעזעסן איין וויראַק |אורטייל,

915 פּסק-דין| און דעם צווייטן, // בין וואַנען מ'האָט

זיך געטון פֿון מיר דערוויסן, // הערט מען אַ גלאָס

פֿון דער נאַטשאַלסטוואַ |מאַכט-אָרגאַנען|, // אַז מע

טוט אונדז אויף אַ וויסילקע אַוועקשיקן".

פ. גראַובאַרד, געפֿאַנגען פֿון תהום, זב ביי אונדז

יודען, ווארשע, ז' 35. פּאָר 33, 35.

ג ל אָ ס II - ---> גלאָסע.

ג ל אָ ס אַ ג אָ ף – דער, =ן. דער וואָס אינטערפּרעטירט, ?נ?

באַשרײַבט גלאָסעס פֿון אַן אַלטן טעקסט.

155

ג ל אָ ס אַ ט אָ ר - דער, =ן. 1. דער וואָס מאַכט גלאָסעס, וואָס טײַטשט אויס ווערטער. % ס'איז ניט קלאָר, צי רש"י איז געווען דער גלאָסאַטאָר פֿון אַלע טײַטשן אין פּירוש (רש"י) ?נ?

2. דער וואָס גיט אָפּ זײַן שטימע ביי וואַלן.

1927 " וואָס נוגע דער ריכטיקייט |...| פֿון די איינצלנע דינים און הלכות, זענען אַלע גלאָסאַטאָרן (די אַלע וואָס האָבן געשריבן באַמערקונגען און הגהות צום שולחן-ערוך) פֿולשטענדיק אײַנשטימיק מיטן שולחן-ערוך". ג. ה. עהרמאַן, דער שלחן ערוך, וואַרשע, ז' 8. 8, 1 923

ג ל אַ ס אַ ל אַ ל י ע - די, בא. באַהעפֿט פֿון קלאַנגען ?נ?

אַן אַ זינען, אַן באַטײַט (קומען פֿאַר אין אַפּשפּרעכערײַ,

אין אויסצײלעניש בײַ קינדער-שפּילן, אין רעפֿרייגען

פֿון לידער אע).

גלאַסאַלאַליש - אדי/אדוו. וואָס איז שייך צו גלאַסאַלאַליע.

1928 " |...| דאָס צוועקלאָזע זיך צאַצקען מיטן

וואָרט.שפּורן דערפֿון געפֿינען מיר אומעטום: 925

אנגעהויבן מיט אָפּט ריין גלאַסאַלאַלישע עלעמענטן

פֿון זינלאָז צונויפֿגעשטעלט אַנבאַטײַטיקע ווערטער

אין די אָנהייב-שורות פֿון אַלטע פּרימיטיווע

פֿאָלקס-און קינדער-לידער |...|". מ. ווינער, 1, ז' [?]

שריפֿטן [!], קאַטעדרע פֿאַר ייִדישער קולטור,

ליטעראַרישע און פֿילאָלאָגישע סעקציעס. קיעוו.

גלא– גלט [redacted].

ג ל אָ ס אַ ר – דער, =ן. אַ צונויפשטעל פון
אויסטייטשן צו געוויסע ווערטער. % צום סוף פון
בוך איז דאָ אַ גלאָסאַר צו אַלע אומבאַקאַנטע אָדער
פאַרעלטערטע ווערטער, וואָס מע געפינט זיי ניט
אין די געוויינטלעכע ווערטערביכער.

?נ? ג ל אָ ס אַ ר י ס ט - דער, =ן .|סטוטש 349|.

דזון גלאסאטאר.

?נ? ג ל אָ ס י ט (י ט) - דער. בא. (מעד) קראַנקייט,
אָנצינדונג פון דער צונג.

?נ? ג ל אָ ס י ן - דער, בא. סאָרט פּאַפּיר, וואָס איז
דין און דורכזיכטיק.

1967 " פּאַפּיר-פֿאַבריקן פּראָדוצירן לעצטנס אַ מין
933 פּאַפּיר, וואָס ווערט אָנגערופֿן 'גלאַסין'. דאָס
איז אַ דורכזיכטיק פּאַפּיר, וואָס באַשטייט פֿון האַלצערנעם
רוי-מאַטעריאַל געמישט מיט סולפֿיד |...|".
א. יאַקובזאָן, פֿאָר, IV /30.

פֿער צוו

---

**רעד:** ספק צי מע דאַרף געבן דאָס וואָרט, גיכער איז
עס דער נאָמען פֿון דער מאַרקע, פֿירמע פֿון דער
סחורה, ניט דער סאָרט פּאַפּיר בכלל.

ג ל אַ ס נ ע – דער, =ס. (רוס~~ע~~, עלט) געוויילטער
מיטגליד פֿון דער אָרטיקער זעלבסט־פֿאַרוואַלטונג
(״דומע״) אין צאַרישן רוסלאַנד.

< R: гласный

גלא־גלט 63.

1862 " אויף איבער אַכט טאָג דאַנערשטיק |...| רופֿט
941 די היגע דומע צוזאַמען |...| די פֿאָרייערענעס
|פֿאַרטרויונגס־לייט| פֿון דער היגער יידישער אָבשטשעסטווע
|געזעלשאַפֿט, קהילה|, זיי זאָלן קלויבן אַ יידישן
גלאַסנע אין דומע". ~~קמ, נ׳ 9, ז׳ 131.~~ פֿון 177,

1887 " מיר ווילן, די גאַנצע שטאָט וויל |...| אויסקלויבן
938 איך פֿאַר גלאַסנע". ~~שע, סענדער בלאַנק~~, שלום-עליכם, 22 ,זז 36

636

162

1910 "דער דאָקטאָר מיטן אַדוואָקאַט זענען גלאַסנע

אין דער שטאָט־דומע, אוןביידע גאַנץ אָנשטענדיקע

מענטשן". ש. פרוג, אַלע שריפטן III, .140 ,3 942

ז' 140

0 גלאַסנע סוד – דער. בא. (רוס., עלט) געריכט

פֿון געשוווירענע. <R: гласный суд

1875 "|...| מיט דער נייער איינפֿירונג פֿון גלאַסנע סוד,

סיי אין ציווילע סיי אין קרימינעלע עסקים". 946

קמ, נ' 1, ז' 4.

1910 "און דאָס קינד האָט נאָכגעטײַטשט |...| די

געשיכטע פֿון דער גרויסער רעפֿאָרעם, פֿון ערשטן 943

גלאַסנע סוד |...|". ש. פרוג, אַלע שריפטן III,

נ"י, ז' 109. .109 ,3

163 - גלס

ג ל אַ ס ע I – די. בא. (שנײַדעריַי) דינער גלאַנציקער שטאָף,
גענוצט ס'רובֿ אויף אונטערשלאַק צו אַ בגד.
% די אַרבל פֿון מאַנטל זײַנען פֿון גלאַסע.

163/1



גלאָסע II – ווייַך גלאַנציק לעדער, געמאַכט פֿון דער פֿעל פֿון ציגן אָדער שאָף.

O גלאָסע=הענטשקעס – הענטשקעס געמאַכט פֿון גלאַסע=לעדער |הארקאווי|.

גלאָסע - די, =ס, פּפּ דער גלאָס, =ן. אויסטייַטש
פֿון אַ וואָרט אויף אַן אַנדער שפּראַך אָדער מיט אַנדערע
ווערטער, ס'רוב געמיינט די טייַטשן אויפֿן ראַנד פֿון
עלטערע טעקסטן. % די ייִדישע גלאָסעס אין אַלטע
העברעיִשע ספֿרים לערנען אונדז אַ סך וועגן דער
ייִדישער שפּראַך פֿון יענער צײַט.

1929 " אין דער ברעסלער שטאָט-ביבליאָטעק איז דערהאַלטן
אַ העברעיִשער כתב-יד |...| ווו ס'געפֿינען זיך 918
אויפֿן ראַנד פֿאַרשיידענע גלאָסן וועגן רפֿואות,
וועלכע ער האָט אייגנהענטיק אָנגעשריבן אויף
לאַטייניש". י. שיפּער, זש' טאָג, נומ' 8 - 9,
~~וואַרשע.~~

1955 " דאָס הייסט ניט, אַז אַלע גלאָסעס אין פּירוש
רש"י זייַנען אַרייַנגעשטעלט געוואָרן שפּעטער". א. מאַרמאָרשטיין 947
מון, ייִשפּ XV - 1, ז' 16.

ג ל אָ ס פּ אַ פּ י ר - דאָס, באַ. דזוו גלאַזפּאַפּיר.

| ש. ווינטער, וואָלאַצלאַוועק, צו דער טערמינאַלאָגיע

פון מלאכות, פּש II, ווילנע, ז׳ 417|.

פּש 162.

ג ל אָ ץ - דער/די, =ן. (שלש) אויג.

1876 " פֿאַר וואָס דען גיט איר זיי |די צוויי גבאים|

ברויט, זיי זאָלן זיצן אין איין שטיק אַקעגן אײַנ 976

און סמאַטריין |=קוקן| מיט די גלאָצן |טעקסט: גלאַציין|,

דערפֿאַר וואס זיי קענען גוט ארזשען|?|". א. גאָטלאָבער, 52, 2

דעקטור, ווארשע, 52 [illegible]

ג ל אַ צ ן - אוטנו. קוקן מיט אויסגעשטאַרצטע אויגן (מחמת חידוש אָדער ניט פֿאַרשטייענדיק), קוקן סתם אָן אויסדרוק, אָן אַ באַזונדערן ציל. % גלאָצן מיט די אויגן. ער גלאָצט מיט די אויגן אויף דעם מאָדנעם באַשעפֿעניש, וואָס ער האָט קיין מאָל ניט געזען. זיי פֿאַרשטייען ניט וואָס דאָ קומט פֿאָר און גלאָצן סתם מיט די אויגן.

1878 " |...| האָט אַלע מאָל אַ גלאָץ געגעבן אויף דעם שדכן מיט אַ כּעס". ימבר"ע. שפּרינצע מירל |...|, 16, 1 960
בוקאַרעשט, ז' 16.

1923 " מען האָט מיך געפּאַקט, אין תּפֿיסה געטון איינקלעמען;// יעצט ליג איך אויף דער נאַרע און גלאָץ מיט די אויגן אַרויף". פֿ. גראָובארד. 974
געזאַנגען פֿון תהום, זב ביי אונז יודען, פּלז 32, 33
וואַרשע, ז' 32.

1958 " לאַנג איז דודל אַזוי געזעסן אַ פּאַרטראַכטער און

גענגלאַצט דורך דער געצעלט־עפֿענונג אַרויס אין 972

לאַגער־דרויסן". ב. דעמבלין, 5, צאַנקענדיקע ליכט, 204.

נ"י, ז' 204.

|| גלאָציק – אַדי/אַדוו. וואָס גלאָצט, גלאָצנדיק.

(מיט די אויגן).

[1931-1926] "די מאַסע איז געבליבן שטעקן |...| אויך מיט

גלאָציקע אויגן געקוקט אויפֿן בלייבן ייִד". 964

אַפּאַ VI, ווילנע, ז' 285. אַפּאַ VI, 10, 285.

גלאָצעדיק – אַדי/אַדוו. דזוו דפֿוו.

... "עס האָבן יענע ווייסע ווענט |פֿון די תּפֿיסות|

// נאָר קליינע פֿענצטערלעך מיט בלעך פֿאַרשלאָגענע 1007

פֿון זון, // נאָר ס'זעט די תּפֿיסה מיט איר גלאָצעדיקער

ווײַטקייט גוט און ווײַט". מאַל, השוונדיקע נעכט,

ליד "ס'איז היינט אַ שטילער טאָג". מאַלאָדעצקי, 1, 18,

**גלאַצעניש** /- דאָס, =ן. (איר) דאָס גלאָצן אַ סך מאָל, גומאדיק, אָפט מאָל אַן אויסדרוק פֿאַר פֿלומרשטער פֿרומקייט.

1930 " בעת אין |...| גלאַצעניש געניטער // פֿון אַן
אייבער-אינקוויזיטאָר טוט איר אייגל לוסטיק לויפֿן 1009
// אונטן אויפֿן שײַטער-הויפֿן". אַל, לידער און
פֿאַעמען I, ליד "קומט דער ליבער זומער," נ"י,
ד'... ליטערין, I, 315.

**גלאַצער** - דער, =ס. (פֿעיא/איר) אויג. % דער תם האָט אויסגעשטאַרצט אַ פֿאַר גלאַצערס, ניט פֿאַרשטייענדיק גאַרניט.

1933 " לויפֿן אויף מיר אַן אַ גרופּע רײַטערלעך, מיט
די נאַגאַנעס איבער די קעפּ און מיט רוצחישע גלאַצערס". 1010
ש. גאָדינער, דער מענטש מיט דער ביקס II, 195, 2
מאסקווע, ד' 195.

1969 " איז דארטן געשטאנען א מענטש און געקוקט, ו

ווי די ווייטע פינצטערע גרויקייט האט געעפנט 1011

צוויי גלאצערס |...|". ~~א.~~ קאציזנע, 2, ~~גש II,~~ 141,

~~ת"א, ז' 141.~~

גלאצערייַ - דאס, בא. דזוו גלאצעניש.

גלאצן מיט די אויגן צום הימל - (איר) מאכן אן אנשטעל פון גרויס פרומקייט.

קוקן מעג מען, נאר ניט גלאצן |סטוטש |305 - בנב.

1676 " ווען פרעמדי לייט קומען הניין זא פר בערגן זיא |די מיידלעך| זיך אונ' שטעלן זיך לייטן 994 ניט אינש פנים, אונ' גלאצן אין אינק פנים ניט".

ברנט שפיגל, 3, ~~פפד"מ,~~ פרק מג.

171 גלא־ גלט. [redacted]

|גלאצעדיק| גלוצדיג.

1716 " |...| דרום דז זיא האבן זיך הופֿרטיג גהלטן צי טעכטר פון שטאט דין אונ׳ זיא גינגן מיט |...| לוגנדיגי אונ׳ גלוצדיגי אויגן". ~~טהמ~~, ישעיה, ~~ווילהרמרשדארף~~, דף ג - II. 962

(ספר המגיד 3,

ג ל <u>א</u> צ ע - די, =ס. (<u>דטשמ</u>) פֿליך.

גלאָק – דער/די, מצ גלאָקן/גלעקער, פּקפּ גלעקל.

1. אײַנריכטונג צו קלינגען, באַשטייט פֿון א מעטאַלענער כּלי, אונטן ברייט און אָפֿן, אויבן שמעלער און פֿאַרמאַכט, אין צענטער פֿון אויבן איז אָנגעהאַנגען א באַוועגלעך מעטאַלן צינגל; ווען דאָס צינגל קלאַפּט זיך אָן אין די ווענטלעך פֿון דער כּלי, באַקומט זיך דער קלונג. % דער גלאָק פֿון דער שול קלינגט אויף דער הפסקה. פֿאַר נאַכט האָבן זיך צעקלונגען אַלע גלעקער פֿון די קלויסטערס.

1865 " דער גלאָק גיט אַ קלונג, דער קלונג איז די

1045 דערשײַנונג, נאָך דער גלאָק איז נאָך דעם קלונג דער אייגענער". ארז, קם, נרם 3, ז' 42.

פּרץ 177,

1908 " איר הערט די הונגערגלאָקן אומגעריכטע, //

1044 איך ווערט פֿאַר שרעק דאָס האַרץ צעריסן". מר, שריפטן II, נ"י, ז' 159. ראָזנפֿעלד 3, 159.

... " קלינגען גלעקער, קלינגען גלאָקן – בים

1023 און באָם". בראַד, צײַט אויסגעקליבענע שריפטן, ב"א, ז' 96. ברא‎דערזאָן, 8, 96

1934 27 " האט מען נאָכגעקרימט דעם בימבאָם פֿון א גלאָק". מלה, ניו-יאָרק, וואַרשע, ז' 178. א. ל. האַלפּערן, 2, 178.

2. (ס'רוב אין פּקפּ גלעקל/גלעקעלע) יעדער אײַנריכטונג וואָס איז גורם דאָס קלינגען. % אַן עלעקטריש גלעקל.
דאָס גלעקל פֿון וועקזייגער איז קאַליע געוואָרן.
ער האָט אָנגעקלונגען אין גלעקל פֿון טיר, מע זאָל אים עפֿענען.

3. (עלט) פֿור, קאַרעטע.

1868 " פּלוצעם האָט מען דערהערט אַ גלאָק צופֿאָרן".
(פּנס 177) קמ, נ' 46, ז' 325 - I. 1043

1896 " עס האָט זיך געקאָנטשעט |=געענדיקט| דער פּראָק
|=ערמין| // |...| און דער פּאָדראָטשיק אַנטלויפֿט 1049
מיטן גלאָק". א. גאָטלאָבער, גלגול, ווארשע, 71 ,3
ז' 71.

4. (גלש) "דער וואָס שטייט אויף דער וואַך בעת אַ 'שטיקל אַרבעט'" |קטון, ווענגראָוו, לובלינער געגנט|.

175 – גל

4. טערמין אין כעמיע |טערמינאלאגיע כעמיע, ווילנע, 1921|.

רעד: וואסער טערמין?

5. (פיג) קלאנג פון א גלאק. % תיכף באכן גלעקל לויפן ארויס די קינדער פון די קלאסן.

1939 " אומזיסט האט אפגעטרויערט |...| דער אלטער הארבאטער וועג, ווארטנדיק אויף אן אמעטיקן גלאק פון א בעל=עגלהשער פור און אויף אן אורח פון דער ווייטער טרויעריקער וועלט". מארקיש, 4, 283.

6. (גלש) איינער פון א גנבים=חברה, דער וואס שטייט אויף דער וואך, בעת א 'שטיקל ארבעט' און גיט צו וויסן, אויב ס'מערקט זיך א סכנה" |קטוו, ווענגראוו|.

7. (איר) גליק (פאראדירט: גליק=גלאק). % איך בין אים ניט מקנא אויף זיינע גלאקן.

|| **גלאָקיק** – אַדי/אַדוו. (שנש) ווי (פֿון) אַ גלאָק.

1936 " נעמט די געגנט גלאָקיק זיך צעוויגן, // פֿאַלן
לעצטע שטערן אין די בערד |?|". סוצ, ~~ציט פֿון I,~~ 1072
~~ת"א, ז' 20.~~ סוצקעווער, 3, 20.

1947 " ס'האט גלאָקיק זיך צעבליט // בל-אַדון, הונט
פֿון טיפֿסטן אונטן". ~~ציט, גל I, נ"י, ז' 189.~~ 1070
אהרן צייטלין, 5 א, 189.

**גלאָקנדיק** – אַדי/אַדוו, דזוו דפֿוו.

1960 " ער האָט אים אַ טרייסל געטאָן און אויסגעשריגן
מיט זיין גלאָקנדיקן קול: וועל דיך צעקוועטשן 1080/א
|...|". ש. סימאָן, ~~צוויגן.~~ 1, 3 [?].

**גלאָקעדיק** – אַדי/אַדוו, דזוו דפֿוו.

1920 " דער ערשטער פֿאַכער פֿון מיין גלאָקעדיקן טורעם
// צו דיר, אַ פֿרוש גאָלדענער פֿון הימלען |...|". 1105
~~פּמ, סתם, ז' 5.~~ מאַרקיש [?], 1, 1, 5.

גלעקל - דאָס, =עך, ---> זבז.

0 גלאַקאַרטיק - אַדי/אַדוו. (דטשמ) אין דער פֿאָרעם

1066 פֿון א גלאָק |מארק ווב| 202.

גלאָקן-גיסער - דער, =ס. |סטוטש| 217. ספּעציאַליסט

אין מאַכן גלעקער.

גלאָקן-געקלאַנג - דאָס, בא. דאָס קלינגען פֿון אַ גלאָק/

גלעקער.

1934 " און ווי אַ וווּנדערלעך גלאָקן-געקלאַנג //

1079 האָט אַרונטערגעלויכטן זייער געזאַנג // איבער גאָר דער

שטאָט". מלה, לידער I, נ"י, ז' 251.

מ.ל. האַלפּערן, 4, 251.

(?נ?) גלאָקהויזן - מצ, די. (נש) הויזן וואס זיינען

אונטן ברייטער ווי אין די קני; קליאשהויזן,

קליאשאַווע הויזן |פּער 90, xxx - 1 - 3, ז' 14 - 15|

גלאקן-הענגער - דער, =ס. |סטוטש 205|. בנב.

> רעד: אפשר מיינט עס דאס ציינגל?

גלאק(ן)-טורעם - דער, =ס. באזונדער(ע) טורעם פון א
קלויסטער, ווו ס'הענגט דער גלאק אדער גלעקער.

1881 " אונטער דעם קופאל איז דא דער גלאקן-טורעם
מיט גלאקן". ~~א. מאירזאן, ייפאל,~~ (פערל 74) נ' 2, ז' 2. 1082

1924 " אויף גלאקטורעמס און כדומה ערטער האלט זיך
אויף די בארגקרא". איבן ד"ר איסטעל, 1, 88.
~~ווילנע, ז'~~ 88.

גלאקפאסאן - דער, בא. אין דער פארעם/אויסזען פון ?נ?
א גלאק.

G.179
179

1960 " די אָרבל פֿון מאַנטל זײַנען אין גלאָקפֿאַסאָן

מיט פֿאַלדן". מ. ראָזן, פּאַר VII/26. 1110

פֿאַר צלן,

גלאָקן-צײַער - דער, =ס. דער מענטש וואָס ציט די

שטריק וואָס באַוועגן די גלאָקן.

1926 " דער גלאָקן-צײַער ציט שוין // די גלאָקן דאָ

אין דאָרט, // די דערפֿלעך און די שטעטלעך // 1099

זיי וועקן זיך שוין אויף". סעג, פֿאָעמען,

וואַרשע, ז' 144. סעגאַלאָוויטש, 8, 144.

1956 " דער אײַנגעשלאָפֿענער גלאָקן-צײַער// האָט פֿון

שלאָף דערוואַכט". יג, פֿון מײַן גאַנצער מי, 1089

ז' 384. גלאַטשטײן, 1, 384.

גלאָקנקלאַנג – דער, =ען. קלאַנג פֿון גלאָק/גלעקער.

" האָט זיך פֿון ערגעץ ווײַט אַרײַנגעטראָגן אַ טיפֿער 1913

באַנגער גלאָקנקלאַנג". יהואש, פֿון דער וועלט 1031

און יענער.

1927 " און דורך דער פֿינצטער שווער און לאַנג //

קומט אָן און שטאַרבט אַ גלאָקנקלאַנג, // און קלינגט 1092

און קלאָגט |...|". מלה, אין ניו-יאָרק,

ווארשע, ז' 217. מ.ל. האַלפּערן, 2, 217.

גלאָקנקלונג – דער, =ען. דזוו דפֿוו.

" ווען איך מיטן העלן טאָג פֿאַלט אָן אויף מיר אַ 1927

גראָבער יונג, // זאָל אויף זײַן מאַרדע גלײַך מײַן 1094

פֿויסט אַ הילך טאָן, ווי אַ גלאָקנקלונג". מלה, מ.ל. האַלפּערן

דצוו, ז' 39. 2, 39.

גלאָקנקלינג – דער, =ען. דזוו דפּוו.

1934 "און ווען די שענק איז צו, איז דאָ אַ גלאָקנקלינג, 1096

וואָס שטילט אים אײַן מיט טרייסט |...|". מלה,

לידער II, נ"י, ז' 175. מ. ל. האַלפּערן, 5, 175.

גלאָקן-קלינגער – דער, =ס. דזוו גלאָקן-ציִער.

גלאָקן-צינגל – דאָס, =ען. דאָס מעטאַלענע צינגל וואָס קלאַפּט אָן אין די ווענטלעך פֿון גלאָק.

גלאָקנשפּיל – די, בא. געקלאַנג פֿון אַ צאָל פֿאַרשיידענע גלעקער צוזאַמען.

אומרוגלאָק – דער, גלאָקן/גלעקער. דזוו אַלאַרמגלאָק.

1955 "|...| האָט לײַוויק זיך אָנגענומען מיט דער 1046

ייִדישער שליחות צו זײַן דער אומרוגלאָק".

ב. ריווקין, ה. לײַוויק |...|, נ"י, ז' 92.

92, 3.

182 – גלאָק

אַלאַרעמגלאָק – אַ גלאָק וואָס איז איינגעשטעלט ספּעציעל צו קלינגען ווי אַ ווארענונג בעת אַ סכנה (שׂריפה, אַנפּאַל אאַע).

" און די קלאַנגען |...| האָבן זיך אַלץ ווייטער 1936

גערעדט |...| ווי אַ ביינאַכטיקער אַלאַרמגלאָק צו אַ שׂריפה". 1030

ש. האַראָנטשיק, 3, 200.

סיגנאַלגלאָק – דזוו דפוו.

1912 " דאָס פּאָלק |...| לויפט מיט דעם ערשטן קלונג

פון דעם סיגנאַלגלאָק |...|". זשיטלאָווסקי, 2, 245. 1054

קירכנגלאָק – גלאָק פון אַ קירכע (=קלויסטער).

[1891–1907] " אַך, וואָס קלינגט איר, קירכנגלאָקן,// הערט שוין

אויף, גענוג געשראָקן //|...| אונדזער אָרעמע וועלט!".

רייזען, 11, 56.

~~קלויסטערגלאָק~~ –

182/1

קלויסטערגלאק - דזוו דפּוו.

1919 " איז וואס, אז קלויסטערגלאקן האבן זיך געפּרייט?".

קוויטקא, 2, 45. 1054/א

שטורעמגלאק - דזוו אלארעם-גלאק.

183

1948 " א שטורעמגלאק פארהילכט מיר מיט 'טרעבלינקע',
און ערד און הימל און אלץ איז בארג אראפ".
~~סעג, א בוים פון פוילן, ב"א, ז' 144.~~
סעג, אלעמענטן, ז 144.

האמער-און-גלאק - (עלט?) מין פארווייאלונג-שפיל.

1867 " ביי די טישלעך האט מען געשפילט אין קארטן, 1042
אין לאטא, אין האמער-און-גלאק". קמ, נ' 1,
ז' 5 - I.
פערז 177,

פפ: קלינגען ווי א גלאק. טויב ווי א גלאק -
אויף איינעם וואס הערט זייער שלעכט.

פויל: ס'איז דורכגעגאנגען מיט א גלאק! - מיט גרויס
פאראד, מיטן גאנצן קנאק.
"איך וועל דיר שיקן א פור מיט א גלאק" - (איר)
"איך וועל דיר שיקן א ספעציעלע איינלאדונג"|קטור|.

פֿוסטער גלאָק - ווען אַ פֿלאַפֿלער, אַ טומלער.

" וואָס מאַכסטו אָנשטעלן, דו פּרא-אדם, דו פּוסטער 1905

גלאָק, דו באָסיאַק איינער?" ~~שע, דראמאטישע~~ 1033

~~שריפֿטן, ז' 71.~~ גלות-עליכם, א 4, 71.

דער גלאָק קלינגט, ווייל ער איז פּוסט (שוו) - ווען עמעצן וואָס רעדט אַ סך און שיין, אָבער אָן אינהאַלט.

אויסקלינגען אַלע גלעקער - |סטוטש| 315 בנב.

שראַגע מיט אַ גלאָק - |סטוטש| 516 בנב.

אַ גלאָק אין שטאָט - |סטוטש| 414, בנב.

אַן אַ צונג איז ווי אַן אַ גלאָק - |~~יישט~~ XXV - 2| בנב. פּר 90

פּר ז' ורמ

קינדער-ציילעניש: איינס, צוויי, דריי,// אדער, לידער, ליי, // אקעם באקעם, בענדזע גלאָקן, שערעלע, בערעלע, פּוקס.

(וואריאנט (לויצק, וואלין): איינס, צוויי, דריי,// לעדער, לעדער, ליי,// שאָקן, באָקן, קלינגען גלאָקן,// שייער, פּייע, פּוי!.

ם----> 1.

" מרדכי זגט צו שטישט איינמ׳ שטויק // דו

הושט עס זעלברט גיהאנגן אן די גלוקא". 1018

מגילה מינכן, מ/103 א.

1711 " איך ווייש דז כמה הייליגי גלאקין דיא קלינגן

אין דען קינד, כלומר פֿיל סודות שטעקן אין אים דיא 1022

קלינגן אויש אים ארויש". נחלת צבי, 1, במדבר,

פפד"מ, דף כח/ג.

8. שעה (לויטן זייגער).

1752 " פון שבעה עשר בתמוז ביז אן תשעה באב זאל

קיינר ניט אליין גיאן פֿון גלאק צעהן פֿר מיטאג ביז 1040

גלאק דרייא נאך מיטאג דען אין דיא צייט האט דר

(שד) |...| זיין שליטה צו שעדיגן". עה. ספר על אוים, 1,

פיורדא, עה - 4.

ג ל אָ ק ג ל אָ ז - די, |=גלעזער?|. סלאַי/סלאַיִק.

1919 " צנצנת - גלאָקגלאָז |טעקסט: גלוק=גלאָז|".

זאַלער, 1, 92.

ם

גלוק גלאַז.

1748 " מן זאל ניט בענשן איבר איין גלוק גלאז

ווייל מן קיין מויל פול אויף איין מאלט קאן 534

טרינקן". סידור תפילות, דף קס"ז - II.

רעד: ניט זיכער איך אויסטייַטש.

גלא-גלט .74

1067 גלאָקווענטיל - דער, =ן | טעכט פּווב, ז' 28 | . בנב.

100

ג ל אָ ק ל ע ן - אוטוו. (שנש) קלינגען ווי אַ גלאָק/
אַ גלעקל.

1073 1947 " גלעקעלעך, לצים־גלעקעלעך גלאָקלען ". אהרן צייטלין, צייט, גל I, ג"י, ז' 18, 5a, 18.

גל -

(CAMPANULA גלאָקנבלום - די, =ען. געוויקס (ווסנ: ~~בערגראָזן~~, אנדערש אויך גלעקל, מאַי=גלעקל.

1948 " די לאַנקע |...| פֿון גלאָקנבלום, פֿון |...|

1077 יאַסקער און פֿון ליובטשיק, וואָס איז אַ סגולה צו

געטרײַקייט, צו ליבע און געפֿעלן". ר. קאַרן, 175, 4.

~~הײם און הײמלאַנדקײט~~, ב"א, ז' 175.

?נ?          ג ל אָ ק (ן) - מ ע ט אַ ל  -  דער, בא. ספּעציעל

געשמאָלצענער בראָנדז געניצט ס׳רוב פאַר גלאָקן

[טערמינאָלאָגיע כעמיע, נייע שול, ווילנע 1921; פינקל, 1, 8]

~~פּורב, כארקאוו, ז׳ 8.~~

ג ל אָ ק ס י נ י ע  – די, =ס. (<u>באָט</u>) דעקאָראַטיוו

1104 געוויקס (<u>ווסנ</u>) (Gloxinia) מיט העלע גלאָקפֿאַרמיקע
בלימעלעך.

?נ? ג ל אָ ק ע ו ע ן – אוטור. "קלינגען מיט אַ גלאָק"

1107 | קטור, ~~167~~ |.

[redacted]. גלאַ—

ג ל אָ ק ע פּ ל - דער, מצ דז. (לאָקל, ווו?) "מין

עפּל פֿון געל-גרינעם קאָליר, האָט די פֿאָרעם פֿון אַ

גלאָק" |קטוו ~~199~~|. 1109

גלא- גלט [redacted].

גלאַקפּויגל - דער, ~ פּייגל. (זאאל) פויגל,

(ווסנ *Arapunga alba*), צייכנט זיך אויס

מיט זײַן קול, וואַס הערט זיך ווי אַ גלאַקנקלאַנג,

האַט אַ לאַנגן האַרנדיקן אַנוווּקס איבערן שנאַבל, וואַס

בלאַזט זיך אַן, ווען דער פּויגל איז אוימרויק.

גלאַריאָז – אדי־אדוו. הערלעך, רומריין.

1906 " אַלץ איז ביי מיר יעצט געווען אַ גאַרניט, אַ שפּילצייג קעגן דעם קאַמף פאַר אָרעמע און דערנידעריקטע, קעגן דער גלאָריאָזער אַרבעט אין נאָמען פון וואַרהייט און גערעכטיקייט". ד. עדעלשטאַט, שריפטן, 30, 3

וואַרשע, ז' 30.

גלאָריאָסאַ - די, =ס. (באָט) געוויקס, מין ליליע. ?נ?

1969 "פֿאַראַן אַ קלעטערנדיקע ליליע, וואס רופֿט זיך

1115 גלאָריאָסאַ. די קוויטן זײַנען געל און געל מיט רויט, אויף אַ הויכן שלאַנקן שטענגל. עס שטאַמט פֿון אַזיע און אַפֿריקע, אָבער מען טרעפֿט דעם מין ליליעס אויך איבער אַמעריקע אין אַזעלכע געגנטן ווי פֿלאָרידע. די ליליע איז פּרעכטיק שיין, אָבער אַלע אירע טיילן זײַנען גיפֿטיק |...|". א. וואַלאַך, טאג, 29/VIII.

פער 69

גלאָריע - די, באַ. רום, הערלעכקייט, פּראַכט.

1936 " שפּיל, פּאָעט, און זאָל דייַן **גלאָריע** פֿאַסטן
ביזן לעצטן אַשיקן צעפֿאַל". ~~סוצ, ציט פֿון I,~~ 1117
~~ז' 44.~~ סוצקעווער, 3, 44.

1953 " הויך אויף די פֿעלדזן פֿון הר־הבית שטייט דער
געטלעכער בית־המקדש אין זייַן גאַנצער **גלאָריע**". 1119
~~ברוס, בײַ די טײַכן פֿון פּאַלעסיע, נ"י, ז' 99.~~ ברוסאָוו, 1, 99.

**גלאָריעדיק** - אַדי/אַדוו. (בש) (פּול) מיט גלאָריע|אַוּרו|.

0 **גלאָריע־קייט** - די, באַ. דזוו גלאָריע.

1922 " עס וועקן די גלאָקן די פֿייַערן אויף די
שייַטער־הויפֿנס, עס וואַקסן די פֿייַערצונגען און 1126
ס'טראָגט זיך אַ לויב פֿאַר אים אין זייַן **גלאָריע־קייט**".
אש, ~~מאַראַנען, ווילנע, ז' 14.~~ א 7, 14

ם 1734 " |...| צור גלאריע אונד לויב אונד פרייז
אונזרר ביידר זייטיגע פריינד". ~~י. מאַרשן,~~ 1118
לשון זהב, אמשטרדם, ז' 4.

ג ל אַ ר י פֿ י צ י ר ן – טרוו. באַדעקן מיט גלאָריע,
פֿאַרהערלעכן, זייער שטאַרק לויבן, רימען.

1947 " איך וויל ניט גלאָריפֿיצירן די קאַפּאָטע, איך
בין אַ זון פֿון אַ מתנגד |...|". ~~סעג, געברענטע~~ 1131
~~ערד, ב"א, ז' 142.~~ סאָציאַליסט, 11, 142.

1959 " צייכענען זיך היסטאָריקער פֿון דעם מין אויס
דערמיט וואָס זיי טיילן אויס, שטעלן אַרויס און 1130
גלאָריפֿיצירן אַ געוויסן אמת". שנ, ~~קריטיק און~~
~~קריטיקער, ב"א, ז' 319.~~ ניגער, 9, 319.

|| גלאָריפֿיצירער – דער, =ס. דער וואָס גלאָריפֿיצירט,
פֿאַרהערלעכט.

גלאָריפֿיקאַציע – די, ס. דאָס גלאָריפֿיצירן.

ם 1734 " דאָש איך האפנדליך ווערדי שלייניגשט |?|
ערהלטן וואו מיט איך מיך ווערדי גלאריפיסירן 1132
מעגי |...|". ~~י. מארשן~~, לשון זהב,
אמשט, ז' 9.

ג ל אָ ר ר ײַ ך  -  <u>אדי/אדוו</u>. פֿול מיט גלאָריע.

189... " האלט ריין דאס ווארט פון יענער צייט, //

1111 האלט <u>גלאָררײַך</u> איס און זויבער |...|".

<u>א. ל. וואָלפּסאָן</u>, ~~<u>ציט אױנפֿי</u> III, נ"י, 1956,~~

~~ז' 166.~~ פּער 112 א, 166.

1951 " ער |דובנאָוו| האָט אויפֿגעמישט בלעטער פֿון

1138 אונדזער <u>גלאָררײַכער</u> געשיכטע |...|". <u>מ. מאַנדעלמאַן</u>,

~~<u>זב ליטע</u> I, נ"י, ז' 1351.~~ פּער 106, 1351.